**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/21/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער לעגיסלאטיווע פעקל צו פארשטערקערן ארבעטער געזעצן אין ניו יארק**

***S.5495/A.6806 פראווײדערס פאר די פארזעצונג פון די סטעיט געזונט בענעפיטן פלענער פאר געוויסע איבערלעבער פון סטעיט ארבעטער***

***S.5487/A.6856 שטעלט צו באשיצונג צו ארבעטער אין פאל פון אויפלעזונג אדער נידערונג פון נישט-קאנקורירנדע אדער ארבעטער קלאס פאזיציעס אין די סטעיט***

***S.6477/A.7157 דירעקטירט ארבעטער צו צושטעלן די הויז אדרעס פון די ארבעטער פון א פארהאנדלונג יוניט צו די ארבעטער ארגאנאזאציע***

***S.6491/A.6866 פארמאכט א לאך פאר שליכטונג צווישן פאבליק ארבעטס געבער און ארבעטער ווען געבנדיג א באלוינונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א לעגיסלאטיווע פעקל צו פארשטערקערן די רעכטן פון די פאבליק סעקטאר ארבעטער אין ניו יארק סטעיט. די לעגיסלאציע בויט אויף די שוין נאציאנאל-פירנדע באשיצונגען פאר פאבליק סעקטאר ארבעטער, פארזיכערנדיג אז ניו יארק סטעיט און לאקאלע רעגירונג וועט ווייטער ארבעטן בעסער פאר אלע ניו יארקער. די פעקל בויעט ארויף אויף טוישונגען [געמאלדן פירער דאס יאר](#) צו איבערבויען און מאדערניזירן די סטעיט און לאקאלע פאבליק סעקטאר ארבעטסקראפט אלס טייל פון די פיסקאלע יאר 2024 בודזשעט.

"ארבעטער אין ניו יארק פארדינען שטארקע באשיצונגען און גוטע בענעפיטן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די נייע געזעצן וועלן פארזיכערן אז ארבעטער ווערן באהאנדלט יושר'דיג און ארבעט בלייבט שטארק אין ניו יארק."

לעגיסלאציע S.5495/A.6806 פארזיכער אומפארהייראטע ווייבער/מענער און אנגעוויזענע האבן צוטריט צו געזונטהייט אינשורענס נאך די טויט פון א געוועזענע אדער פאליטישע אונטעראפטיילונג ארבעטער וואס האט פענסיאנירט מיט א צופיליגע באגרעניצונג אדער אויפפירונג פון ארבעט באגרעניצונג פענסיע. עס זענען דא געוויסע פעלער ווי די ניו יארק סטעיט העלט אינשורענס פלאן טוט נאר ערלויבן דאס אין די פעלער ווי די ארבעטער האט געהאט כאטש צען יאר פון סערוויס פאר זייער טויט. די געזעץ וועט יעצט ערלויבן די ווייבער/מענער און אנגעוויזענע פון אזעלכע פענסיאנירן מיט ווייניגער ווי צען יאר פון סערוויס צו האבן אזעלכע אינשורענס.

לעגיסלאציע S.5487/A.6856 שטעלט צו די רעכט צו ארבעטער אינדרויסן פון די קאנקורירנדע קלאס אין פאל פון א רעדוקציע אין די ארבעטסקראפט וואס זענען איינשטימיג מיט וואס איז צוגעשטעלט פאר

ארבעטער אין די קאנקורירנדע קלאס. די נייע געזעץ וועט צושטעלן גלייכע נידערונג און צוריקרופן באשטימונגען אין ציווילע סערוויס געזעץ צו שטענדיגע געשטעלטע ארבעטער אין קאנקורירנדע, נישט-קאנקורירנדע, און ארבעטער יוריסדיקציאנאלע קלאסיפיצירונגען ביי אלע שטאפלען פון סטעיט און לאקאלע רעגירונג.

S.6477/A.7157 קלארט אויס אלס אינפארמאציע וואס די פאבליק סעקטאר ארבעטער זענען געפאדערט צו צושטעלן צו ארבעטער ארגאנאזאציעס. דאס עלימינירט סיי וועלכע צומישעניש מיט די יעצטיגע געזעץ'ס באציאונג צו אדרעסן און קלארט אויס אז א יוניאן איז בארעכטיגט צו די היים אדרעס פון אן ארבעטער אין איר פארהאנדלונג יוניט צו ערמעגליכן די יוניאן זיך צו פארבינדן מיט די ארבעטער אינדרויסן פון די ארבעטפלאץ.

**אסעמבלימעמבער סטעיסי פעפפער אמאטא זאגט,** "די וואונדערבארע פאבליק ארבעטער וואס האלטן אונזער סטעיט ארבעטן פארדינען די אבסולוט בעסטע - און מיט די נייע געזעץ טוען מיר סאלידיפירן זייער די פארפליכטונג. צו ס'איז דורך אנגייענדע העלטקעיר פאר ווייבער/מענער, גאראנטירנדיג געלעגנהייטן פאר די מיט אויפגעלעזטע ראלעס, אדער פארזיכערן יוניאנס האבן די ריכטיגע קאנטאקט אינפארמאציע - מיר געבן זיך אפ מיט אונזערע ארבעטער און זייער פאמיליעס! איך דאנק די גאווערנער פאר זעהן די בענעפיט אין די שטיקלעך פון לעגיסלאציע און זיי אונטערשרייבן צום געזעץ."

לעגיסלאציע S.6491/A.6866 פארמאכט די לאך פאר שליכטונגען צווישן פאבליק ארבעטסגעבער און ארבעטער דורך פאדערן א פארטיי צו מאכן אן אפליקאציע צו טוישן אדער פריימאכן א באלוינונג ביז 90 טעג נאך די שענקונג פון די באלוינונג. די טויש וועט פארזיכערן אז עס איז דא א מער צייטליכע ענדליכע אויפלעזונג צו זאכן וואס זענען אויסגעשטעלט צו שליכטונג, פאדערנדיג אן אומסוקסעספולע פארטיי צו אפמאכן אויב עס וויל אויספאלגן מיט א באלוינונג אדער וועט פריימאכן אדער ענדערן א באלוינונג ביז די 90-טאגיגע צייט אפשניט. בשעת א מאושן צו פריימאכן/ענדערן מוז ווערן געברענגט ביז 90 טעג יעצט, איז דא אן עקסטערע רעכט ספעציפיש ערוועגט אין די געזעץ אין איז נאר גילטיג וווען די אנדערע פארטיי זוכט צו באשטעטיגן די באלוינונג, מיינענדיג די פריערדיגע געזעץ האט ספעציפיש צוגעשטעלט די רעכט צו אפפרעגן אויף גרונדן אינדרויסן פון 90 טעג.

**סטעיט סענעטאר ברעד הוילמאן-סיגאל זאגט,** "הייגט שטייט ניו יארק מיט ארבעט. פאבליק סעקטאר יוניאנס וועלן מער נישט זיין אויסגעשטעלט צו שפעטיגונגען אדער קאסטן צוליב לעגאלע לעכער ווען זיי האבן שיין געוואונען זייער שליכטונג. איך בין שטאלץ אז גאווערנער האקול טוט אונטערשרייבן אונזער ביל מיט אסעמבלי מעמבער לעווין צו באפעלן אז פארטייען מוזן זאפארט באשליסן זייער נעקסטע שריט ביז די 90-טעג פענסטער צו באקעמפן א שליכטונג, וואס וועט פארבעסערן יושרות און אפעקטיווקייט אין אונזער סטעיט'ס פאבליק סעקטאר שליכטונג פראצעדורן."

**אסעמבלימעמבער טשארלס לעווין זאגט,** "די ביל מאכט די פראצעדור פון ארבעט און ארבעט שליכטונג מער יושר'דיג וויבאלד סוקסעספולע פארטייען וועלן מער נישט ווערן געצווינגען צו איינעמען אומנויטיגע געריכט קאסטן צו פארמאכן זייערע קעיסעס.א דאנק צו קאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן עס און פארמאכן א לעגאלע לאך."

**CSEA פרעזידענט מערי א. סוליוואן זאגט,** "גאווערנער האקול האט נאכאמאל געוויזן אז די שטייט אין פאראייניגונג מיט שווער ארבעטנדע CSEA מיטגלידער אין אונטערשרייבן מערערע בילס וואס באשיצן און פארבעסערן אונזערע רעכטן. מיר זענען דאנקבאר פאר די גאווערנער'ס אנגייענדע שטיצע און רעספעקט פון פאבליק ארבעטער. איר שריט שטעלן צו מיינונגספולע הילף צו פילע פאבליק ארבעטער אין אונזער סטעיט."

**NYS פאביק ארבעטער פעדערעישן פרעזידענט וועין ספענסער זאגט,** "אין נאמען פון די 50,000 מיטגלידער פון די NYS פאבליק ארבעטער פעדערעישן, דאנקען מיר גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע ארבעט אין שטיצע פון די סטעיט ארבעטסקראפט און פארן אונטערשרייבן די וויכטיגע בילס אריין אין געזעץ.די גאווערנער איז געווען אן אמת'ע שותף בשעת מיר ארבעטן געמיינזאם צו באפעסטיגן די סטעיט'ס סערוויס דעליווערי סיסטעם נאך צען יאר פון פארנאכלעסיגונג."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן